ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# צוויי דיבוקים

## חלק שני

אידיש

**630**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

א זעהר שעהנע וואונדערליכע געשיכטע
פון הייליגען רבי
ר׳ העניך זצ״ל מאלכסנדר יע״א

ארויסגעטריבען

# צוויי דבוקים

פון א מיידעל

לאָדז, תרפ״ו.

# אזעדער שיינע ווינדערליכע געשיכטע פון הרב הק' רבי ר' העניך זצ"ל, פון אלכסנדר.

## א.

נעווזען איז עס בתחלת הלילה (אנהויב נאכט), אינ'ם דבינ'ס בית–המדרש האט געשאלט פונ'ם לערנען, וואס די יונגעלייט האבען דאמאלס געלערנט מיט גרויס יגיעה און מיט התמדה, אז מיט רעכט האט אזא לערנען שלמה המלך עליו השלום אנגערופען: חכמות בחוץ תרונה דאס הייסט: די חכמות פון דער תורה קלינגען אויש אין דער גאס. די שכינה האט פשוט גערוהט אינ'ם קליינעם בית המקדש (מקדש מעט), מען האט עס דאמאלס בעשיינפערליך געקענט זעהען מיט די אויגען. אטייל חסידים פון די עלטערע שוין, האבען זיך אראב און ארויף געדרעהט אינ"ם לאנגען בית המדרש אבגעהנדיג זיך פון זייער לערנען, וואס זיי האבען ביז אהער זייער מח אבגעמאטערט. און מיט אנגעשטרענגטען עיון ביז אהער געלערנט און געמאטערט זיך איבער אהארבען ש"ך, זיי האבען אנגעהויבען צו שמועסען חסידות, אברוהענדיג זיך פונ'ם שווערען ענין וואס זיי האבען אין איהם ביז אהער אזוי נאיוו מיט פלפול עוסק געווען. דער שמועס האט זיך אזוי פערצויגען ביז ער איז געקומען מענין לענין באותו ענין פערטיפט אינ'ם פערשטעהן

די תורות, וואס דער רבי שליט״א, האט שבת ביים טיש פאר זיי חסידים געזאגט, און זיי האבען איינער דעם אנדערן גענעבען נים צו פערשטעהן, וואס דער רבי שליט״א האט מיט זיינע תורות געמיינט. זיי האבען אריין אין איינעם זיך ארויף און אראב געדרעהט פערטראכט און פערקלערט, ווי פליצים איז אריין געקומען דער משמש (ר׳ יצחק אפרים האט ער געהייסען) און האט אריין פערבעטען צעהן חסידים צום רבי׳ן אין זיין שלום-שטובעל אריין.

אינ׳ם שלום שטיבעל איז דער גרויז — גרויער רבי געזעסען נורא כטלאך אלקים מיט אשרעקליכען אויסזעהען. זיין ליכטיג פנים האט געפלאמט, די צורה זיינע האט געזאגט אז עס קומט יא פייער עפעס נישט געוועהנליכעס. עס קומט פאר עטוואס פעזונדעריעס עטוואס שרעקליכעס.

— יצחק אפרים — האט דער רבי בעפוילען — געה און ברענג מיר אריין די יודענע מיט׳ן מיידעל!

רבי יצחק אפרים משמש איז נאך אמאל אריינגעגאנגען אין די רביצענ׳ס שטוב און נאך א פאר מינוטען איז ער אריינגעקומען און געזאגט:

דער דיבוק איז איינגעשפארט ער וויל נישט אריינגעהן צום רבי׳ן, עס ברענט איהם, עס בראט איהם, ער ווארפט אום דאס מיידעל און וויל נישט אריין צום רבי׳ן; על כן פרעג איך וואס זאל איך טהון?

— געה אריין — האט דער רבי נאך אמאל געהייסען — און שריי איהר אין אויער אריין, אז דער רבי רבי העניך האט געהייסען אז זי זאל יא אריין קומען.

דער משמש האט מקיים געווען דעם רצון פון רבין ז"ל און איז ווידער אריין געגאנגען אין די רביצענס שטוב אריין, און האט אריין געשריבען דעם מיידעל אין אויער אריין, אז דער רבי רבי העניך האט געהייסען אז זי זאל צום רבי'ן יעצט אריין געהן.

דאס מיידעל איז כהרף עין משונה צורה געווארען, האט אויסגעדרעהט דאס פנים, זיך אווארף געטון אויף דער ערד, האט אנגעהויבען ווארפען מיט די הענד, קאפען מיט די פוס און ארויסגעלאזט מיט אביסער געיאמער און געוויין.

— טוט מיט מיר וואס איהר ווילט; נאר צום רבי'ן זאלט איהר מיך נישט אריין פיהרען; עס ברענט מיך, עס ברענט מיך, ניין, איך וועל צום רבי'ן נישט אריין געהן.

דער משמש איז ווידער אריין צום רבי'ן און האט איהם דערצעהלט וואס עס קומט פאר אין די רביצענ'ס שטוב.

— געה ארויס און רוף אריין דריי יודען שטארקע, פעסטע ביים שכל און ביים געוויסען און לאזען זיי דאס מיידעל צו מיר אין שטוב אריין ברענגען בעל כרחו זיי זאלען נישט מעהר אין זינען האבען נאר אז זיי מוזען זייער שליחות און מען זאל בעצאהלען פאר זייער טרחה; נאר פריהער זאלסטו זעהען איהם בערוהיגען און איהם זאגען אז ער זאל אליין אריין גיין בעסער מיט'ן גוטען ווילען, און איהם דאס דריטע מאל מתרה זיין האט דער רבי געזאגט.

— זעהר גוט — האט דער משמש געזאגט און איז אריין געגאנגען צו די רביצען אין שטוב אריין, וואו דער דיבוק האט נאך אזוי שרעקליך געווארפען דאס ארימע מיידעל.

דער משמש האט גאר נישט מעהר ווי דעם מיידעל נאך אמאל אינ׳ם אויער ארײַן געשריגען אז דער רבי רבי הענעך האט געהייסען, אז ער זאל צום רבין ארײַן קומען.

פוטש מיט מיר וואס איהר ווילט; נאר צום רבי׳ן זאלט איהר מיך נישט ארײַן פיהרען. — האט פונ׳ם מיידעל ווידער ארויס געריסען מאכענדיג אלע פערשידענע העויות און זיך ווארפענדיג אויף דער ערד מאכענדיג מיט די הענד און ווארפענדיג מיט פוס, פאטשענדיג און קאפענדיג, אז עס האט די מענטשען וואס זענען געוועזען דערבײַ אויס אנגעכאפט א שרעק און בײַ נישט איינעם פון די האבען זיך די טרעהרען געקייקעלט אויף די באקען מיט איאמערליך געהעשע.

דער משמש איז ארויסגעגאנגען און האט ארײַנגעבראכט דרײַ פאקערס, יודען וואס מען האט זיך געקאנט אויף זיי פער-לאזען, אז זיי וועלען טון זייער זאך בשלימות. ער האט די פאקערס געזאגט וואס זיי האבען צו טון און די פאקערס האבען זיך גענומען צו זייער ארבייט.

---

## ב.

אז מען זאל וועלען ארײַן קוקען מיט א ריין אויג אין השגחת הבורא ווי ער פירט זײַן וועלטעל, קאן מען שטענדיג זעהען ווי ריכטיג און ווי פונקטלעך ער איז מסבב סבוים און ער איז מגלגל גלגולים אינ׳ם גלגל החוזר בעולם; בלויז די קורצ-זיכטיגע זעהען קרום ווײַל זייערע חטאים זענען גורם, אז זיי

זאָלען נישט פערשטעהן הנהגת העולם על מתכונתה; אז ער, דער רבונו של עולם הייסט עס, ברויך איינעם צו שטראָפען, שטראָפט ער דעם אָרימאַן מיט רחמים אויף איין אנדערן אופן און דעם עושר אויך מיט רחמים גאָר אויף איין גאַנץ אַנדערן אופן, און ווען עס וואָלט נישט אַזוי געוואָלט זיין; וואָלט אי דער עושר אי דער אָרימאַן אומגעקומען ביי אזעלכע אומשטענדען און עס וואָלט פון אלע געוואָרען אסוף. איז דאָך די וועלט יאָ בעשאַפען געוואָרען מיט רחמים אויך, דרום קאָן די וועלט יאָ אקיום האָבען. אויף אזוי איין אופן עקזיסטירט די וועלט יאָ. און דאָס איז טאַקי דער טייטש פון'ם פסוק: להגיד כי ישר ד' צורי ולא עולתה בו. דאָס הייסט: השי"ת איז גערעכט אפילו ער פיהרט מיט'ן מדת הדין, און אז עס איז דאָ אזעלכע וואָס זאָגען אז נישט (ער איז חלילה נישט גערעכט) דאָס איז דערפאַר ווייל ער (דער וואָס זאָגט אַזוי) איז פערערהאַפט, קאָן ער דאָס נישט פערשטעהן.

די געשיכטע מיט'ן מיידעל וואָס אין איהר איז אריין דער דיבוק (די צוויי דיבוקים) איז אויך געוועזען מיט רחמים ווייל די געשיכטע האָט פאַסירט מיט א מיידעל, אנגעווענדליך אָרעם מיידעל, און מען איז מיט דעם מיידעל געפאָהרען צום רבי'ן דעם רבי רבי העניך ז"ל, וואָס ער האָט טאַקי זיך מוסר נפש געוועזען פאַר דעם קלענסטען יוד, האָט אָנגעשטרענגט זיינע כחות און האָט בעזר השי"ת דאָס יודישע מיידעל, דאָס אָרימע מיידעל מיט זיין אָרויס טרייבען די דיבוקים פון איהר, נישט בלויז זי בעפרייט פון צרות; נאָר ער האָט געהאָלפען איהרע מוטער ווי אויך איהר חתן וועלכעס זיין אָרענטליכקייט האָט אים

נישט ערלויבט אָבצולאָזען מיט איהר דעם שידוך כאָטש זיינע עלטערן האָבען איהם זעהר צוגערעדט דערצו. אַזוי ווי מיר הערען דעם געשפּרעך וואָס זיינע מוטער האָט מיט איהם:

— וואָס זאָגסטו שבע — האָט דעם חתנס פאָטער געזאָגט צו זיין ווייב איינמאָל אין אַ מיטען העלען טאָג — אונזער כלה דאָס הייסט: אונזער זוהנ'ס כלה האָט אין זיך אַ דיבוק. מן הסתם וועט מען זעהען אַמשנעלסטען דעם שידוך אָבצוראָזען. און ווער וואָלט דען בעסער געוועזען?

— דאָס פעלט מיר נאָך, צו האָבען א שנייער מיט אַ דיבוק — האָט זיין ווייב געענטפערט.

— פון דעסטוועגען דאַרף מען פרעגען אונזער זוהן — האָט דער פאָטער געזאָגט — עס איז דאָך נעבעך זיין אונגליק, וועט מען זעהען וואָס ער וועט זאָגען דערצו?

— בלויז פרעגען — האָט זיין מוטער געזאָגט — העלפט נישט מען דאַרף איהם די זאַך גוט געבען צו פערשטעהן אַז אַזאַ כלה איז נישט בעקוועהם. און אַז פון אַ כלה ווערט דערנאָך אַ ווייב וואָס מיט איהר ווערט מען פערבינדען אויף אייביק, און צווישען אונז געשמועסט: וואָס פאַר'ע טאַטע־מאַמע זענען מיר אַז מיר קלערען נאָך איהם צו פרעגען: אויב ער וויל? ביי אזעלכע זאַכען איבערהויפּט פרעגט מען ביי קינדער נישט קיין דעה. לאָז ער נאָר אַהיים קומען וועסטו שוין זעהען, ער איז דאָך אַ אָרענטליך קינד וועט ער אודאי פאָלגען אונז, און דער־נאָך וועט מען שיקען נאָך די מחותנית'טע און מען וועט אָב־לאָזען דעם שידוך.

דער געשפּרעך וואָלט זיך אַזוי אוועקגעצויגען אודאי נאָך

אַראַנגנע צײַט; װען עס װאָלט נישט צופעליגער װײַזע אַרײַן געקומען טאַקי טרעפט װער? . . . די . . . מחותנית'טע אַלײן . . . אײַנגעהילט אין אַפּאַרטשױל און איז אַרױס מיט אַ געװײַן:

— סטײַטש געװעזען גיטער פרײַנד מיט מײַן מאַן עליו השלום מיט לב ונפש ביז מען האָט, זיך משדך געװעזען מיט אונז און אַז עס האָט, רחמנא לצלן, געטראָפען אַנאומגליק מ'זאָל באַטש זעהען אַריבער קומען צום זוהנס כלה און העלפען מיט־געבען אַ'קרעכטץ: אָבגעהוטען זאָל מען װערען, איהר װײסט דאָך אודאי אַז „גיטעס איז נישט אויף אײביק אַזוי װי שלעכטעס איז נישט אויף שטענדיק. דאָס איז זעלבסט פערשטענדיק"; אָבער אַגוטען פרײַנד דערקענט מען אין אנויט . . . „אַז אַזאַלכע נויטען אויף אַלע רשעים. אָבער װי קומט מען דאָס נישט אַבי באַטש אַטרײסט װאָרט זאָגען? אַז מ'וויל האָט דאָך אײַך די צרה אויך אַזוי געטראָפען װי מײַן קינד, אָבער דאָס װײס מען דאָך אַז אַדיבוק טוט אַרײַן נאָר דוקא אין אַן'אָרענטליך מײדיל אַ צדיקות'־דיג מײדעל װי מײַן קינד איז. אָבער מײנט נישט דער רבונו של עולם װעט מײַן קינד אויך נישט פערלאָזען, איהר װײסט נאָך װאָס איך בין געקומען?! אַז איהר מײַן מחותן זאָלט אַזוי גוט זײַן מיט אונז מיט פאָהרען קײן אלכסנדר צום רבי'ן זאָל לעבען, אפשר װעט ער זײַן דער שליח און װעט מיט'ן אײבערשטענס הילף מײַן קינד געזונד מאַכען און מאַכען אַן'עק צו אונזערע צרות היתכן . . .

זי װאָלט אַזוי, מי יודע, װילאַנג איהר תוכחה נישט גיענדיגט, װי עס איז אַרײַנגעקומען דער חתן מיט „אַגוטען אָװענד".

ג.

אויב היינט איז דאָ אוועלט אהן יושר. ווי אויף טריט און שריט ווערט דער אמת און די מענשליכע רעכט ווערען געטרעטען מיט די פיס; אבער אין יענע עפּאָכע ווען אונזערע געשיכטע האָט פּאַסירט, האָט עס נאָך מיט דיזעלבע היגזיכטען נאָך נישט אזוי ווייט געהאַלטען. דער מענשליכער געפיהל און געוויסען האָט נאָך ביי מענטשען געהאַט אשטיקעלע דעה און אזוי ווי זיי האָבען דעם מענטש דיקטירט אַזוי איז געוואָרען געטהון. די וועלט הנהגה איז נישט איינגעשטאַנען אין יחידים'ס הענד, הענד וואָס טהוען אהנע פערשטאַנד פון א יודישען מענטשליכען געפיהל, נישט אַזוי ווי היינט וואָס די פני - הדור זענען טאַקי כפני הכלב, וואָס ביי די כלבים שטעהט: והכלבים עזי נפש. זיי טהוען מעשי - זמרי און ווילען שכר כפנחס, ברויך מען מעהר עזות... דאַמאָלס אַז מען האָט געמאַכט אַגבאי אָדער אַ דאָזאָר האָט מען טאַקי אויסגעקליבען אַ יוד אַנגיד אשענעם בעל הבית א ירא-שמים און דעריבער האָט זייער פיהרונג געהאַט אַ טעם כידוע נישט אזוי ווי היינט אַ רב האָט אויך נישט געקיקט אויף פערדינסט; נאָר אויף יושר; כאָטש אַ רב האָט דאַמאָלס געהאַט אַ געהאַלט נישט אויסצוקומען מיט איהם. און דאָס זעלבע איז געוועזען מיט אונזערע מחותנים ווען זיי זענען געקומען צום רב אָבצולאָזען דעם שידוך מיט'ן מיידעל וואָס אין איהר איז אריין דער דיבוק, האָט דער רב אויך אריינגעקוקט, אין דער זאַך אריין, בעין פקוחה און האָט איינגעזעהען אז דער חתן האָט מעהר יושר אין זיך ווי זיינע עלטערן; דעריבער האָט ער געשיקט רופען דעם

חתן, כאטש ער איז געוועזען נאך איונג בחורל שעהמעווריג אונזרייסט. האט איהם זיין יונג הערץ און פערשטאנד דיקטירט אז מ׳קען איתומה א יודיש מעדעל נישט פערשעהמען. אי! עס איז אין איהר ארין א דיבוק, הכלל! וואס איז זי נעבעך, שולדיג, מ׳דארף נאר זעהען אז מ׳זאל פאהרען צו גוטע יודען אז אין זייער זכות זאל מען געהאלפען ווערען. און אזוי האט טאקי דער רב אפגעפסק׳נט אז אויב די מחותנים ווילען טאקי אבלאזען דעם שידוך זאלען זיי ארויס אויף׳ן גיטען ארט אויף׳ן קבר פונ׳ם מחות׳ן און זאלען סיפנעמען א מנין יודען און דארט זאל מען מחילה בעטען ביים טייטען און פארלעגען די טענות און אזוי ווי דארט וועט ווערען צווישען די צעהן יודען בעשטעטיגט אזוי זאל ווערען, פערשטעהט זיך דאך אז צעהן יודען צו אואלכע זאכען האט זיך נישט געפונען אין מען דערנאך, נאך אמאל געוועזען ביים רב אויף א דין תורה, וואס דער רב האט צווישען מיט נאך בעקאנטע און פערוואנדטע בעשטימט אז מען זאל מיט דעם מיידעל פאהרען צו הרבי מאלכסנדר, וואס ער האט שוין אין דעם ענין אין דיבוקים ארויסטרייבען, אסך בעוויזען. און דערנאך וועט מען ערשט זעהען. דער חתן איז געוועזען העכסט צופריידען מיט דעם פסק-דין און די מחותנים האבען געמוזט צופרידען זיין ביז מ׳וועט הערען וואס אין אלכסנדר ביים רבין וועט ווערען :

עס פערשטעהט זיך, אז דער רב פון יענעם שטעדטעל האט מיט געגעבען א בריף צום רבי׳ן פון אלכסנדר ז״ל און איהם דארט גוט פארגעשטעלט וועגען וואס דא האנדעלט זיך און דעריבער האט זיך, דער צדיק מאלכסנדר, הרבי רבי העניך ז״ל, אזוי פיעל מוסר נפש געוועהן און האט אזוי פיעל כחות אנגע-

ווענדט ער האט דריי מאל געהייסען, דורך זיינעם משמש, דעם דיבוק, אז ער זאל צו איהם יא אריינקומען, ביז סוף כל סוף אז ער האט נישט געוואלט אריינקומען אינ'ם רבינ'ס שלום-שטוב אריין האט ער געהייסען זיינעם משמש, אז ער זאל איהם צום דריטען מאל מתרה זיין, אז ער זאל יא אריין קומען, און אז אויב ער וועט נאך דעם אלעם נישט וועלן אריין קומען, זאל ער איינברעכען דריי פאקערם און זאל דאס מיידעל מיט דעם דיבוק מיטגעוואלד אריינברענגען אינם רבינ'ס שלום-שטוב אריין, פערשטעהט זיך אז די פאקערם האבען זייער זאך געטוה'ן בשלימות.

---

## ד.

דאס מיידעל האט עס אנגעהויבען צו ווארפען מיט אנ'אונגעהויער'ן כח כמעט הייזער'ן הויך. עס האט אזוינס פאסירט אז מען קען עס מיט די פעדער נישט בעשרייבען, מיט'ן מויעל נישט פארשטעל'ן און מיט'ן שכל נישט משיג זיין. דער פחד, די אימה די שרעק וואס איז בעפאלען די ביוועזענדע האט גאר קיין גבול נישט, הקיצור די דריי פאקערם האבען נישט וועניג אנגעשטרענגט זייערע כחות און מיט נישט וועניג ארבייט האבען זיי דאס מיידעל צום רבי'ן קוים אין שטוב אריינגעברענגט.

דעם עולם וואס איז געשטאנען דערביי האט אנגעכאפט שרעק אז אין לשער, מען האט ממש געזעהען ווי עס ווארפט יעדען בעזונדער דאס קרחת, זיי האבען געציטערט ווי עס ווארפט

יעדען בעזונדער ווען מ'נעהמט ארוים וויינטער פון אקאלטע מקוה, זיי האבען געציטערט, די ציינער האבען געהאקט ביי זיי איינער צים צווייטען ווי אין די גרעסטע פרעסט אין די זאווערוכעס בתקופת טבת. יעדערער בעזונדער האט ארוים געשפיעוט א פאר אויגען מיט די גרעסטע אנגעשטרענגטע נייגיערדע: וואס דא וועט ווערען?

באותו הרגע ממש אינ'ם זעלבען אויגענבליק האט דער רבי אווינק געטוען צו די צעהן חסידים און אלע צוזאמען כלם כאחד האבען זיך אנגענומען ביי די הענד און האבען ארום גע־רינגעלט דעם דיבוק און האבען דעם רבי'ן נאך געזאגט מלה במלה: „דרן נצח". ביז דער רבי ז"ל האט געגעבען א ווינק, האבען די חסידים זיך נאכגעלאזט און דער רבי האט זיך גע־ווענדעט צום דיבוק בזה הלשון:

— איך הענעך בין אויף דיר גוזר בגזרה חמורה, אז די זאלסט מיר זאגען ווער די ביסט? און וואס די האסט געהאט צו דעם מיידעל, וואס די ביסט אין איהר ארײַן?!

דאס מיידעל האט זיך איינציגוויז בערוהיגט, האט זיך אויפגעשטעלט און זיך אבגערוהט און אנגעהויבען צו ריידען בזה הלשון!

— איך הייס „ישראלעלע שוחט" פון דעם און דעם קליי־נעם שטעדטעל... איך בין געוועזען א חוטא, איך האב פער־פלעקט מיין הייליגע נשמה, איך האב חלילה נישט געזינדיגט מיט מיין מלאכה ד. ה. מיט שחיטות נײַן, אדרבה, איך האב מײַן פאך גוט אבגעהיטען על צד היותר טוב, אלע מײַנע שחיטות און בדיקות זענען געוועהן גלאט כשר, נאר איך האב אזוי

געזינדיגט בעניני אישות, וועלכעס איך האב אזוי פערפלעקט מיין נשמה, אז באלד נאך מיין טויט זענען געקומען זעהר א סך ברידערלעך מיט שוועסטערלעך דאס זענען געווען מחבלים ומשחיתים זיי האבען זיך גענומען צו מיינע אריטע נשמה און האבען זי אנגעהויבען צו ווארפען בכף הקל'ע, אז א מענשליכער פערשטאנד איז גאר נישט אימשטאנד זיך פארצושטעלען די עינויים קשים, וואס איך בין פון זיי אויסגעשטאנען. איך האב מיך אזוי ארום געבלאנקעט א לאנגע צייט ביז איך האב דאס מיידעל איינמאל געטראפען ביי דער נאכט זי איז ארויס געגאנגען אהן א שורץ, האב איך געהאט שליטה איבער איהר, און בין אין איהר אריין, האב איך געהאט מנוחה פון די ברידערלעך מיט די שוועסטערלעך, האב איך געמיינט, אז דערמיט ענדיגט זיך שוין מיין פסק, יעצט, אבער... (ביי די ווערטער האט דער דיבוק ארויס געלאזט א שרעקליך געוויין און א יאמערליכען קלאנג און האט אנגעהויבען צו בעטען) אז איהר, הייליגער רבי ווילט מיך ארויסטרייבען פון איהר גוף ארויס, בעט איך אייך: זייט אייך מרחם איבער מיר און גיט מיר א תיקון ווי איך זאל מיך אהין טוען? אז נישט בין איך פערלוירען עד עולמי עד, און צווייטענס אז איך וועל שוין ארויס פונ'ם מיידעל, וואס וועט שוין זיין דאס מיידעל געהאלפען; עס איז דאך אין איהר דא נאך א דיבוק נאר א נקבה, וועלכעס איך בין דארך איהר געשטראפט געווארען מיט'ן להיות עמה...

דער רבי האט איהם געזאגט מיט'ן הארב'ן ווארט: איך בין אויף דיר גוזר אז די זאלסט מיר זאגען אבער די האסט עפעס איבער געלאזט א קדיש?

— ניין — האט דער דיבוק געענטפערט — איך האב דערפאר קיין זכי' נישט געהאט.

— וואס דען זאל איך דיר טוען? — פרעגט איהם דער רבי רייבענדיג זיך מיט'ן ספארעק אהין און אהער איבער'ן קאפף.

— איהר זאלט מיר א תיקון ארויסגעבען אז מיין נשמה זאל שוין מנוחה האבען און קריש זאגען נאך מיר זאלט איהר!

— איין עצה האב איך פאר דיר — האט דער רבי זיך אבגערופען אז די וועסט ארויס פון דעם מיידעל מיט גוטען און וועסט איהר קיין שום שאדען נישט טוען, וועל איך דיר געבען א תיקון.

— או, הייליגער רבי גיט מיר אנ'עצה וויערנאך איך זאל פון איהר ארויס אהן שאדען, וועל איך עס טוען מיט'ן שענסטען פערגעניגען. און ווי אריין איך זאל, כדי איך זאל קאנען האבען שוין אביסעלע מנוחה?

— דריי ווארסט אונטער די שטאדט איז דא א בריק, אונטער די בריק געפינט זיך א שטיין, זאלסטו גלייך אינ'ם שטיין אריין און דארט פערבלייבין, ביז דיין עונש וועט ווערען אז די קוממסט גלייך אינ'ם גהינם אריין, אבער מיט'ן תנאי, אז בזו הרגע ממש, זאלסטו ארויס פון איהר דארב'ן קליינעם פינגערל פון איהר לינקער האנד.

— איך בין געראטעוועט — האט זיך געהערט א קול באותו הרגע ווי דאס מיידעל האט א שטארקען קראכץ געגעבען און איין שייב האט א פלאץ געטוען און דער דיבוק איז ארויס.

דער רבי האט זיך א רגע במיטריה אביסעל פערטראכט און האט זיך געקעהרט צום צווייטען דיבוק:

## ה.

— און אויף דיר בין איך גוזר אז די זאלסט פונ'ם מיידעל ארויס! איך חענגך בין אויף דיר נאך אמאל גוזר אז די זאלסט פון הרגע פון איהר ארויס! דער שוחט האט א תיקון געקריגען, ווייל איידער ער איז געשטארבען האט ער תשובה געטוהן, איז אין לך דבר העומד בפני התשובה און ווייל עס איז דאך אמעות לא יוכל לתקון, האב איך איהם דאך אשטיקעל תיקון געגעבען, וועט ער א ביסעלע מנוחה האבען אינ'ם שטיין, ביז זיין צייט וועט קומען, ווען ער וועט שוין האבען אבגעקומען פאר זיינע עברות; אבער דיר האב איך קיין תיקון נישט צו געבען, לכן איבער דעם בין איך אויף דיר גוזר, אז די זאלסט מיר פערצעהלען וואס מיט דיר האט זיך פאסירט אפשר וועל איך קאנען פאר דיר אויך א תיקון געפונען.

[illegible], האט דער דיבוק זיך אבגערופען – כאב געווארפען אנא[illegible] אויף דעם שוחט ר׳ ישראלעלע, ווייל ער איז געוועזען א זעהר שיינער מענטש, איך האב אבער נישט געהאט קיין געלעגענהייט איהם צו פאקען, איך האב א לאנגע צייט געזוכט עצות ווי איהם אנצוקריגען ביז איינמאל עס האט זיך מיר יא שוין אמאל [illegible]טמאכט א געלעגענהייט דהיינו: אזוי ווי איך בין געוועז[illegible] [illegible]ענדארם ווייב פון יענעם און יענעם דארף, וואס עס [illegible] [illegible] אונטער זיין גליל לענין שחיטה, און אזוי ווי מיין מ[illegible] קראנק געווארען און איך בין מיט די דארף פראדוקטען [illegible]לין אין שטאדט אריינגעפאהרען האב איך ביים שוחט [illegible]עשטען און איהם באשטעלט, אז אויב ער וויל קא

ער מיט מיר מיטפאָהרען אינ'ם דאָרף אריין צו שחט'ן אַ פאָהר קעלבער, פערשטייט זיך אַז ר' ישראלקע שוחט איז געקומען צו דער בעשטימטער צייט אין מיר זענען ביידע געפאָהרען אינ'ם דאָרף אריין. ער האָט מיך אפילו געפרעגט וועגען מיין מאַן; נאָר אַז איך האָב איהם געזאָגט אַז מיין מאַן איז קראַנק, מוז איך אַליין אָנטרייבען, און וויל מיר זענען שוין געוועזען אינ'ם וואַלד, אַ שיינע פאָהר וויאָרסט הינטער דער שטאָדט, פערשטייט זיך אַז דער שטן האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז ער זאָל שוין מעהר פון מיין פיהר נישט אַראָב; וויל ער האָט אָנגעמאַכט אַשרעקליכען רעגען, וועלכעם ער מיט אַ שרעקליכען ווינד צוזאַמען האָבען געבראַכט דערצו, אַז מיר זאָלען זיך איינטוּרען איינער צום צווייטען, אַנפאַנגס אונטערן שירעם און דערנאָך אונטער איין דערע הכלל עס האָט פאַסירט וואָס עס האָט פאַסירט, אַזויערנאָך האָב איך מיר מיין נשמה פערזינדיגט און האָב מיך דערדינגט, אַז איך בין געוואָרען אַ דיבוק. איך זאָל אָנהייבען צו פערצעהלען, וואָס מיט מיר איז געוואָרען נאָך מיין טויט איז אומעגליך... איבערהויפט איז עס אוננוטצליך צו וויסען; וויל מיר וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען. נאָכדעם ווי איך בין שוין מיט דעם שוחט'ס נשמה צוזאַמענגעקניפט געוואָרען און ער איז אַריין אין דעם מיידעל, האָב איך דאָך אויך דאָס איינענע געמוזט טוען און אַזוי אַרום האָב איך געפונען אַביסעלע מנוחה אינ'ם גוף פון דעם אונשולדיגען מיידעל, פערשטעהט זיך אַז איך וועל קיינעם נישט פאָלגען און אַרויס פונ'ם גוף פון דעם פרומען מיידעל ווי איך האָב צייטווייליג מנוחה, אַז דער רבי וועט מיר נישט געבען אַ תיקון אַז איך זאָל ערגעץ

אנדערש ווי האבען א מנוחה.

דער רבי האט זיך אביסעלע פערטראכט און גענעבען שקאק מיט'ן גראָבען פינגער באצבע צרדה — או ווא — מאכט דער רבי — אביטער עסק, קינדער האסטו עפעם איבערגעלאזט, וואס זאלען נאך דיר קדיש זאגען?

— הייליגער רבי, איך האב איבערגעלאזט; נאר אויב זיי זאגען קדיש נאך מיר ווייס איך נישט. ווייל דאס איינענע יאהר האבען מיינע זינד גיבראכט דערצו, אז מיין מאן איז פונ'ם קראנ־קענבעט שוין מעהר נישט אראפ אלעבעדיגער און די געשעפטען האבען זיך איסגעלאזען. מיינע צוויי יונגלעך האט דער פריץ צוגענומען פאר פאראבקעס וועלכעס איך אלם מאמע האב מיר יעהר צום הערצען גענומען, ווייל דער פריץ האט זיי נישט ווייניג געפייניגט און איך בין דעם זעלבען יאהר געשטארבען. ווען מיינע קינדער וואלטען באטש געוויסט, אז זיי זענען יודען או דארפען קדיש זאגען נאך זייער מוטער ווי נאך זייער פאטער, וואלט איך שוין אפשר אויך א ביסעל רוהיגער געוועזען.

— א! האט דער רבי ווידער א קלאפ געטוען באצבע צרדה. איז פאר דיר אויך נאך דא א תיקון, די ביזט שוין אבגעקומען מיט דעם וואס די האסט געהאט א הרהור תשובה, אז צוליב דיינע חטאים איז דיין מאן געשטארבען און אז דיינע חטאים האבען געברענגט דערצו, אז דיינע געשעפטען זענען דיר שלעכט געגאנגען און דיינע צוויי קינדער זענען אויך צוגענומען געווארען פאר פאראבקעס צוליב דיינע חטאים איז אין לך תשובה גדולה מזו. איבערהויפט ווען דא געהאלפען ווערען נאך א גאנץ אומ־שולדיגע נשמה, דאס הייסט דיין מאנס נשמה וואס די צוויי יונג־

לעך ווע̇לען זי ארוים ראטעווען און זיי מעלה זיין און צוליב די
פאהר מעם ב אליין, בין איך אויף דיר גוזר, אז די זאלסט באלד
ארוים פון דעם מיידעל און די זאלסט דארט סודיע זיין דיינע צוויי
יונגלעך , אז די מים דיין מאן זיינען שוין געשטארבען און אז זיי
זאלען נאך איינ קדיש זאגען , ווערסטו צוליב דיין מאן אויך
א תיקון האבען, דערנאך זאלסטו אריין אינ'ם בוים אריין, וואס
שטייט נאכ'ן בית — המדרש פון יענעם שטעדטעל און דארט
וועסטו זיין במנוחה גאנצע י"א חדש ביז דער קדיש וועט זיך
ענדיגען .

— חא ! חא ! חא ! — האט דער דיבוק זיך ארוים געלאזט
אין א ציניש געלעכטער — דער רבי וויל מיך ארויסגענארען פון
דעם מיידעל ; ניין ! לאז דער רבי הייסען , אז דאס מיידעל מיט
איהר מוטער זאלען אהין אין יענעם דארף אריין ווי מיינע
קינדער זענען און הייסען מיינע קינדער נאך אונז קדיש זאגען,
בזה האופן וועל איך ארוים ; אבער אז די מוטער פונ'ם מיידעל
זאל מיר דאס צו שווערען בנקיטת חפץ אז זי וועט אזוי טוען
דאמאלס וועל איך ערשט ארוים.

— און מיט וואס וועט דעם מיידעלס מוטער זיין זיכער,
אז נאך דעם אלעם וועסטו טאקי ארוים ? — האט דער רבי גע־
פרעגט — נישט אזוי, די מוזט איהר גלויבען בנקיטת חפץ, אז זי
וועט שווערען : אבער זי דיר דארף נישט גלויבען . און דערי־
בער בין איך מאקי אויף דיר גוזר בגזרה חמורה, אז די זאלסט
שוין בזו הרגע, איין מאל פאר אלע מאל ארוים פון איהר מיידעל
און איהר גלויבען מיט איהר בלויסען הן צדקה, און קיין שבועה
דארף מען נישט !

ב...ותה הרגע אינ׳ם זעלבען אויגענבליק וואס די יודענע האט ג...דיגט איהר הבטחה בהן-צדקה האט זיך געהערט ווידער א קלא... אינ׳ם צווייטען פענסטער, וואס האט נאך זיך אויך איבער ...קלאזט אלאך אין די שייב. און דער גאנצער עולם האבען פערגני... צוגעזעהען ווי דאס מיידעל איז אויפגעשטאנען געזונד כאחד ה...רם, צו די פרייד פונ׳ם מיידעלס מוטער און דעם רבינ׳ס אלע ח...ים. זכותו הרב יעמוד לנו ולזרעינו עד העולם אמן.

---

## ו.

וואס ניטצט דיר דאס קריגען זיך! — האט געזאגט דעם מיידעל... חתן צו זיין מוטער, נאכדעם ווי זיין כלה איז אהיים געקומ... געזונטערהייט פון אלכסנדר כאחד האדם — איך האב דיר ב...ד געזאגט, אז צו יעדע מכה האט דער רבונו של עולם בעשא...ן א רפואה נאך פאר די מכה, היינט וויפיל איז ביי אייך דאס ווערט, אז אייערם א שניער — לאז מיך אזוי אננעהמען אז ווען דאס וואלט פאסירט נאך אונזערע חתונה — איז לא עליכם קראנק געווארען און איהר האט געמיינט אז עס איז נישט דא קיין רפואה צו איהר קרענק. און דא פליצים האט דער רבש״ע געהאלפען: זי איז געזונד געווארען כאחד האדם דארפסטו זיך נאך גוט פרייען און דאנקען איהם פאר זיינע חסדים. אין נישט זיך קריגען מיט פערשידענע זלזולים. אלא מאי וואס אמענטש בעגייט אפעהלער, איהר האט טאקי געדארפט מיטליידען, דאס הייסט מיט העלפען מיט ראטה און טהאט, אז די זאך זאל צו

שטאנדען קומען נישט איהר האט נאך געוואלט דעם שידוך אבלאזען, אלא מאי אמענטש בעגייט א פעלער? ! איהר בעגייט נישט קיין גייען פעהלער און זעהט בעסער מיט פרידען די זאך אדורך צופיהרען, איך וועל פון מיינער זייט זעהען אז די זאך זאל זיך אויספירען על צד היותר טוב און אז אויף דעם פעהלער וואס איהר האט געטוען זאל מען נישט מעהר קוקען און מען וועט נישט קוקען, דעריבער זאג איך אז מ'זאל זעהען זיך צו דער זאך צובעציהען מיט מעהר ערנסט און צוגעבויגענהייט.

– די ביזט געקרעכט, מיין קינד – האט איהם די מוטער מודה געווען – נאך צומארגענס זענען זיך די מחותנים צוזאמענגעקומען און איינער האט געמוזט דעם צווייטען מוחל זיין און דערביי איז געווארען בעשטימט דער זמן חתונה. וואס זי איז טאקי אין די בעשטימטע צייט געוועזען, און די חתונה איז געפייערט געווארען מיט גרוים פאראד, השי"ת זאל העלפען אלע יודען, אז זייערע אלע ליידען, זאלען פערקעהרט ווערען צו פריידען, וזכות הרבי מאלכסנדר ז"ל יעמוד לנו ולזרעינו, אז עס זאל קומען אומסגערעכט די גאולה שלמה מהרה אמן.

---

א פאהר זאכען דארף מען נאך ערקלעהרען פאר די וואס ווייסען נישט: א) א דיבוק וואס רעט ארוים פון אמענטש ארויס קאן נישט זאגען קיין שם הקדוש, אפילו אז ער רעט ארוים איין נאמען פון אמענטש וועלכעס ער לאזט זיך אוים מיט'ן נאמען „באל" קאן ער אויך נישט זאגען. דהיינו ער ברויך צו זאגען דעם נאמען „ישראל" אדער „ישמעאל" קאן ער נישט אנדערש

זאָגען נאָר „ישראלעלע" ישמעאלעלע". דאָס איז שוין ברוך ומגוסה.

און ב) דאָס וואָרט איהר אויך וויסען, אז דיבוקים קאָנען זיך — און טרעפען זיך נאָך היינט אויך חס ושלום. נאָר היינטיגע מענטשען וואס געבען זיך אָב אין אזאלכע פאלען נאָר מיט דאָקטוירים פערליהרען געבען זייערע קינדער. אזוי ווי איך האָב אליין געזעהען, לאָז זיין ווין די דאָקטוירים זאָגען, אז דאָס איז נאָר אריין אין'ם מוח, אבער מוז מען דאָך דעם מוח בערוהיגען און ברענגען אין אָרדנונג אריין מיט איינע נאָרמאלע בעהאנדלונג, אָבער נישט אזוי ווי זיי טוען: זיי שנייַדען באלד — זיי לייגען באלד צו אייז. וכדומה אזאלכע שטרענגע מיטלען, וועלכע פון זיי מוז געבען דער פאציענט פון דער וועלט געהן פאר דער צייט, וועל- כעס איך האָב אזאלכען פאל אליין בייגעוואָהנט.

אדרבה פון דעם איז צו זעהען ווי גרוים פערצייטישע גוטע יודען זענען געוועזען וואס זיי האָבען זיך אָבגעגעבען נאָר מיט אזאלכע מיטלען צו העלפען אזאלכע ארט קראנקע.

וויַיל דאָס איז א כלל, אז א פלעק וואס קומט אויף א מלבוש פון א פעטע זאך, ווערט אויסגעוואשען נאָר מיט א פעט פליסיגקייט; מיט וואסער אָדער מיט קראצען בלויז געהט דער פלעק נישט אוים, און אזוי אויך א גייסטיגע קרענק קאן אויך נאָר מיט נאָר גייסטיגע מיטלען אויסגעהיילט ווערען.

דאָס איז א קאָרצע אנטוואָרט אלע היינטיגע חכמים וואָס לאכען אָב פון דורות הקדמונים ומנהיגיהם וגדוליהם לא באלד חלק יעקב, מען וועהט מאקי ווער עס פיהרט בעסער אוים זיין וועלט!

פאר-צייטיגע גוטע מענשען האבען אויפגעטוען אין איין טאג מעהר גוטעס פאר די מענשהייט, ווי היינטיגע אגאנץ יאהר, איבער דעם האט דאס לשון עברית אין זיך א טבע אז א יאהר ווערט אנגערופען „ימים" וואס דאס איז טייטש „טעג" און דער מיינונג איז אינ'ם פסוק: תשב הנערה אתנו „ימים" או „עשור" (בראשית) אז אין אפאהר טאג זאל ווערען אזוי פיל אוועק גענומען ווי אין א יאהר, אדער „צעהן" טאג (כמו בעשור לחדש הזה) וואס אין זיי זאל ווערען אזוי פיעל אנגעארבייט ווי מ'קאן אנגרייטען אגאנץ יאהר, אדער „עשור" זאל זיין טייטש אדער מען זאל באלד נעמען פונ'ם פערמעגענס א „צעהנטייל" אויף חתונה הוצאות און הוצאות הדרך, און נישט ווארטען ביז מען וועט דערויף ערשט פערדינען אין אנגעוויסע צייט ארום.

דעם מוסר וואס פון דער מעשה איז ארויס צו נעהמען איז יעדען גאנץ גענוג גוט בעקאנט.

ענדע.

# קדמא ואזלא

— וויא בעוואוסט פלעגט דער רבי, רבי העניך מאלכסנדער זיע"א ז"ל, זיך אבגעבען מיט ארויסטרייבען דיבוקים אויך, אז האר און נעגעל שטעלן זיך אויף, הערענדיג, אפילו נאך היינט, די מעשיות פון די דיבוקים, וואס ער פלעגט ארויסטרייבען, און זיי געבען תיקונים. זיי זענען אלע זיינע חסידים גוט בעקאנט. א פאהר אזאלכע מעשיות וועלען מיר בעשרייבען כדי מ'זאל קאנען האבען א שטיקעלע השגה ווי גרויס דער היילי־גער רבי פון אלעקסאנדער, דער רבי רבי העניך זצ"ל איז געוועזען. דורך זיין צדקות און חכמה זענען א סך מענשען, וואס זענען צו איהם געפאהרען, נישט איין מאל געהאלפען געווארען. אזוי זאל אונז השי"ת העלפען. אז מיר זאלען יעצט אויך געהאלפען ווערען. ווען מיר וועלען נאר דארפען. אפילו גוים להבדיל פלעגען צו איהם פאהרען און געהאלפען ווערען וועלכעס דאס פלעגט ברענגען אגרויסען קידוש השם אזוי ווי שלמה המלך עליו השלום האט געזאגט (מ"א ח־מג) ועשית ככל אשר יקרא אליך הנכרי וכו'. (שם ס') למען דעת כל עמי הארץ כי ה' הוא האלהים אין עוד והי' לבבכם שלם עם ד' אלהינו וכו'. וועלכעס דאס האט יודען פיעל טובות געטהון. כה יתן ד' אז מיר זאלען זוכה זיין לגאולה שלמה מהרה ולתחית כל האומה, אמן.